# אַ בריוו אין רעדאַקציע

צו דער רעדאַקציע פון "דער איד" איז אַריינגעקומען דער פאָלגענדער בריוו פון רביצין חנה גוראריי, די טאָכטער פון פריערדיגען ליובאַוויטשער רבי'ן זצ"ל, מיט אַ בקשה צו פאַרעפנטליכען דעם בריוו אין אונזער צייטונג. רביצין גוראריי שרייבט אין איר בקשה צו אונזער רעדאַקציע, אַז די האָט אַרויסגעשיקט דעם בריוו צו רבנים און צו רעדאַקציעס פון אַנדערע צייטונגען, און זי זוכט הילף פון דעם ברייטען אידישען ציבור.

אָט איז דער פולער טעקסט פון איר בריוו:

*****

געערטער הער רעדאַקטאָר!

איך בין אַן אַלטע פרוי, די טאָכטער פון אדמו"ר רבי יוסף יצחק שניאורסאָהן נבג"מ ז"ל פון ליובאַוויטש. בייזוויליגע מענטשען זיינען מיך רודף. איך בעט אייך העלפט מיר! דרוקט דעם בריוו אין אייער צייטונג, אפשר וועלען אידען קומען מיר צו הילף אין מיין ביטערער לאַגע.

אין יאָר תרע"ט, אַ יאָר פאַר זיין הסתלקות, האָט דער זיידע אדמו"ר מהרש"ב ז"ל מיר געזאָגט, אַז איך זאָל אַלע מאָל זיין ביי דעם טאַטען ז"ל און איך זאָל אים העלפען אין זיין הייליגער אַרבעט. דאָס איז געווען וויכטיג, ווייל מיין מוטער הרבנית נחמה דינה ע"ה איז געווען טויב, זי האָט גאָרניט געהערט. פון דאַן אָן האָב איך אָנגעהויבען העלפען מיין פאָטער. דער טאַטע איז קראַנק געוואָרען אין תר"ץ, אָבער דאָך איז ער אָנגעגאַנגען מיט זיינע טעטיגקייטען ביז זיין הסתלקות אין תש"י. במשך פון די איין און דרייסיג יאָר, האָב איך אויפגעגעבען מיין פערזענליכען לעבען כדי איך זאָל קענען העלפען דעם טאַטען אין זיין כלל ארבעט. דער טאַטע האָט זייער פיל אויפגעטאָן אין פאַרשפרייטען אידישקייט, אין הרבצת תורה, און אין פאַרשטאַרקען חסידות אין רוסלאַנד, אין לעטלאַנד, אין פוילען, אין אַמעריקע, און אין פילע אַנדערע לענדער. איך האָב געהאַט אַ חלק אין זיינע הייליגע דערגרייכונגען.

ווען דער טאַטע איז נסתלק געוואָרען, האָט ער מיר געלאָזען אַ ירושה, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי דירות אין אַ שיינער הויז, העלפט פון זיין גרויסער ביבליאָטעק און פילע אַנדערע זאַכען.

מיין שוואָגער, אדמו"ר מנחם שניאורסאָהן שליט"א, דער איצטיגער ליובאַוויטשער רבי, האָט געוואָלט צונעמען מיין ירושה. האָט ער געהאַלטען פייערדיקע רעדעס געגען מיר. ביז איינער פון זיין צוהערער האָט אַריינגעבראָכען צו מיר אין וואָנונג שבת נאָך מיטאָג, האָט מיך צעשלאָגען, און האָט מיך בלינד געמאַכט. ער האָט מיך געלאָזט ליגען אין אַ טייך בלוט. די מענטשען פון דער "הצלה" האָבען מיך געפונען און זיי האָבען מיך אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. מיין שוואָגער האָט גאָרניט געזאָגט מכח דעם אָנפאַל אויף מיר, און זיינע חסידים האָבען פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ הסכמה. זיי האָבען מיך פאַרטריבען פון מיין דירה און זיי האָבען צוגערויבט מיין אייגענטום. פון שפּיטאָל האָב איך געמוזט אַנטלויפען צו מיין זון. עס איז שוין כמעט דריי יאָר ווי איך לעב דאָ אין ניו דזשוירסי.

זיי האָבען אויך צובראָכען מיין היים. מיין מאַן, הרב שמריי גוראריי איז ניינציג יאָר אַלט און געפערליך קראַנק. מיט אַכט יאָר צוריק האָט ער געהאַט אַ בלוטשטורץ אין מוח, און דאָס האָט זייער געשעדיגט זיין שפּראַך. ער איז אַ צעבראָכענער איד. ער טעלעפאָנירט מיר פילע מאָל אַ טאָג, אָבער מען לאָזט אים נישט קומען אַהער. אפילו ווען איך בין געזעסען שבעה נאָך מיין שוועסטער חיה מושקא שניאורסאָהן האָט מען אים נישט געלאָזט קומען אַהער מיך מנחם אבל זיין.

אין מיין זיידענס און אין מיין טאַטענס ליובאַוויטש איז געווען אידישער יושר, עס איז געווען אַ דין תורה. איצט גייט מען אין די ערכאות. האָט אגודת חב"ד אונז אָנגעקלאָגט אין פעדעראַלען געריכט. עס איז געווען אַ לאַנגער משפט. מיט רשעות און מיט אחיזת עינים האָבען זיי געוואונען, און מיט דעם פסק האָבען זיי פאַרכאַפּט אַ טייל פון דאָס ביסעל געלט וואָס מיין מאַן און איך האָבען אָפּגעשפּאָרט אויף דער עלטער. זיי טוען אַלץ וואָס עס איז מעגליך, אויף צו צעשטערן און צו פאַרניכטען די היים פון מיין זון, די היים וואו איך לעב יעצט.

זיי האָבען אויך צוגענומען מיין פלאַץ אויף אונזער בית עלם, און קיין אַנדער פלאַץ גיט מען מיר נישט. דער טאַטע אדמו"ר נבג"מ ז"ל האָט געהאַט אָפּגעקויפט פלעצער פאַר אַלע מיטגלידער פון דער פאַמיליע. מיין פלאַץ איז געווען לעבען מיין באָבען שטערנא שרה ע"ה, דער פרוי פון דעם זיידען אדמו"ר מהרש"ב ז"ל. האָבען זיי צוגענומען מיין פלאַץ און זיי ווילען אַז איך זאָל זוכען אַ נייעם פלאַץ אויף אַ פרעמדען בית עולם.

מיט עטליכע וואָכען צוריק, האָבען זיי מיך שוין ווידער געשלעפּט אין די ערכאות. האָט די דער ריכטער געפרעגט וואָס ווילט איר פון אַן אַכט און אַכציג יאָריגער פרוי, דער משפט ועט דאָך קאָסטען פיל מער ווי איר וועט קענען פון איר אויפמאָנען. אויף דעם האָבען זיי קיין תירוץ נישט געהאַט.

די רדיפות האָבען נישט קיין סוף. לעבען לאָזט מען מיך נישט, און מיין פלאַץ אויף דעם בית עולם האָט מען אויך צוגענומען. איך ווענד זיך צו אייך און צו אַלע גוטע אידען, צו קומען מיר, אַ פאַרביטערטע אַלטע פרוי, צו הילף. — חנה גוראריי.

*****

מיר ווענען נאָכגעקומען די בקשה פון דער רביצין חנה גוראריי און אָפּגעדרוקט דעם בריוו לויט איר וואונש, מיט קליינע השמטות — רעד.

**<u>מקור:</u> א בריוו אין רעדאקציע, <u>דער איד</u>, פ' פנחס תשמ"ח, 8.7.1988**
**מכתב למערכת שכתבה חנה גוררי, בתו של הריי"ץ ואשתו של הרש"ג.**

צו דער רעדאקציע פון "דער איד" איז אריינגעקומען דער פאלגענדער בריוו פון רביצין חנה גוררי', די טאכטער פון פריערדיגען ליובאוויטשער רבי'ן זצ"ל, מיט א בקשה צו פארעפנטליכען דעם בריוו אין אונזער צייטונג. רביצין גוררי' שרייבט אין איר בקשה צו אונזער רעדאקציע, אז זי האט ארויסגעשיקט דעם בריוו צו רבנים און צו רעדאקציעס פון אנדערע צייטונגען, און זי זוכט הילף פון דעם ברייטען אידישען ציבור. אט איז דער פולער טעקסט פון איר בריוו:

**************

געערטער הער רעדאקטאר!

איך בין אן אלטע פרוי, די טאכטער פון אדמו"ר רבי יוסף יצחק שניאורסאהן נבג"מ ז"ל פון ליובאוויטש. בייזוויליגע מענטשען זיינען מיך רודף. איך בעט אייך העלפט מיר! דרוקט דעם בריוו אין אייער צייטונג, אפשר וועלען אידען קומען מיר צו הילף אין מיין ביטערער לאגע.

אין יאר תרע"ט, א יאר פאר זיין הסתלקות, האט דער זיידע אדמו"ר מהרש"ב ז"ל מיר געזאגט, אז איך זאל אלע מאל זיין ביי דעם טאטען ז"ל און איך זאל אים העלפען אין זיין הייליגע ארבעט. דאס איז געווען וויכטיג, ווייל מיין מוטער, הרבנית נחמה דינה ע"ה איז געווען טויב, זי האט גארניט געהערט. פון דאן אן האב איך אנגעהויבען העלפען מיין פאטער. דער טאטע איז קראנק געווארען אין תר"ץ, אבער דאך איז ער אנגעגאנגען מיט זיינע טעטיגקייטען ביז זיין הסתלקות אין תש"י. במשך פון די איין און דרייסיג יאר, האב איך אויפגעגעבען מיין פערזענליכען לעבען כדי איך זאל קענען העלפען דעם טאטען איין זיין כלל ארבעט. דער טאטע האט זייער פיל אויפגטאן אין פארשטארקען חסידות אין רוסלאנד, אין לעטלאנד, אין פוילען אין אמעריקע, און אין פילע אנדערע לענדער. איך האב גיהאט א חלק אין זיינע הייליגע דערגרייכונגען.

ווען דער טאטע איז נסתלק געווארען, האט ער מיר געלאזען א ירושה, וואס איז באשטאנען פון צווי דירות אין א שיינע הויז, העלפט פון זיינע גרויער ביבליאטעק און פילע אנדערע זאכען.

מיין שוואגער, אדמו"ר מנחם שניאורסאהן שליט"א, דער איצטיגער ליובאוויטשער רבי, האט געוואלט צונעמען מיין ירושה. האט ער געהאלטען פייערדיקע רעדעס געגען מיר. ביז איינער פון זיין צוהערער האט אריינגעבראכען צו מיר אין וואנונג שבת נאך מיטאג, האט מיך צעשלאגען, און האט מיך בלינד געמאכט. ער האט מיר געלאזט ליגען אין א טייך בלוט. די מענטשען פון דער "הצלה" האבען מיך געפונען און זיי האבען מיך אפגעפירט טין שפיטאל. מיין שוואגער האט גארניט געזאגט מכח דעם אנפאל אויף מיר, און זיינע חסידים האבען פארשטאנען אז דאס איז א הסכמה. זיי האבען מיך פארטריבען פון מיין דירה און זיי האבען צוגערויבט מיין אייגענטום. פון שפיטאל האב איך געמוזט אנטלויפען צו מיין זון. עס איז שוין כמעט דריי יאר ווי איך לעב דא אין ניו דזשוירסי.

זיי האבען אויך צובראכען מיין היים. מיין מאן, הרב שמרי' גוררי' איז ניינציג יאר אלט און געפערליך קראנק, מיט אכט יאר צוריק האט ער געהאט א בלוטשטורץ אין מח, און דאס האט זייער געשעדיגט זיין שפראך. ער איז א צעבראכענער איד. ער טעלעפאנירט מיר פילע מאל א טאג, אבער מען לאזט נישט קומען אהער. אפילו ווען איך בין געזעסען שבעה נאך מיין שוועסטער חי' מושקא שניאורסאהן האט מען אים נישט געלאזט קומען אהער מיך מנחם אבל זיין.

אין מיין זיידענס און מיין טאטענס ליובאוויטש איז געווען אידישער יושר, עס איז געווען א דין תורה. איצט גייט מען אין די ערכאות. האט אגודת חב"ד אונדז אנגעקלאגט אין פעדעראלען געריכט. עס איז געווען א לאנגער משפט. מיט רשעות און מיט אחיזת עינים האבען זיי געוואנען. און מיט דעם פסק האבען זיי פארכאפט א טייל פון דאס ביסעל געלט וואס מיין מאן און איך האבען אפגעשפארט אויף דער עלטער. זיי טוען אלץ וואס עס איז מעגליך, אויף צו צעשטערן און צו פארניכטען די היים פון מיין זון, די היים וואו איך לעב יעצט.

זיי האבען אויך צוגענומען מיין פלאץ אוף אונדזער בית עולם, און קיין אנדער פלאץ גיט מען מיר נישט. דער טאטע אדמו"ר נבג"מ ז"ל האט געהאט אפגעקויפט פלעצער פאר אלע מיטגלידער פון דער פאמיליע. מיין פלאץ איז געווען לעבען מיין באבען שטערנא שרה ע"ה, דער פרוי פון דעם זיידען אדמו"ר מהרש"ב ז"ל. האבען זיי צוגענומען מיין פלאץ און זיי ווילען אז איך זאל זוכען א נייעם פלאץ אויף א פרעמדען בית עולם.

מיט עטליכע וואכען צוריק האבען זיי מיך שוין ווידער געשלעפט אי די ערכאות. האט זיי דער ריכטער געפרעגט וואס ווילט איר פון אן אכט און אכטיג יאריגער פרוי, דער משפט וועט דאך קאסטען פיל מער ווי איר וועט פון איר אויפמאנען. אויף דעם האבען זיי קיין תירוץ נישט געהאט. די רדיפות האבען נישט קיין סוף. לעבען לאזט מען מיך נישט, און מיין פלאץ אויף דעם בית עולם האט מען אויך צוגענומען. איך ווענד זיך צו אייך און צו אלע דיטע אידען, צו קומען מיר, א פארביטערטע אלטע פרוי, צו הילף.

- חנה גוראריʼ

************

מיר זענען נאכגעקומען די בקשה פון דער רביצין חנה גוראריʼ און אפגעדרוקט דעם בריוו לויט איר וואונש, מיט קליינע השמטות - רעד.

**תרגום המכתב**

למערכת של "דער איד הגיע המכתב דלהלן מהרבנית חנה גוררי' בתו של הרבי הקודם זצ"ל בבקשה לפרסם את המכתב בעתוננו. הרבנית גוררי' כותבת בבקשתה למערכת שהיא שלחה את המכתב לרבנים ולמערכות של עתונים אחרים והיא מבקשת עזרה מהציבור היהודי הרחב. הנה הטקסט המלא של המכתב

כבוד העורך!
אני אשה זקנה, בתו של האדמו"ר רבי יוסף יצחק שניאוסון נבג"מ ז"ל מליובאווטש. אנשים פראים רודפים אותי. אני מבקשת את שתעזרו לי! הדפיסו את מכתבי בעיתונכם אפשר ויהודים יבואו לעזרני במצבי המר. בשנת תרע"ט, שנה לפני הסתלקותו אמר לי סבי האדמו"ר מוהרש"ב ז"ל שאני אהיה כל הזמן ליד אבי ז"ל ושאעזור לו בעבודתו. זה היה חשוב מאד משום שאמי, הרבנית נחמה דינה ע"ה, היתה חרשת, היא לא שמעה דבר. מאז התחלתי לעזור לאבי. אבי נעשה חולה בשנת תר"ץ [1930] אבל בכל זאת המשיך בפעולותיו עד מותו בשנת תש"י [1950]. במשך שלושים ואחת שנה ויתרתי על חיי האישיים כדי שאוכל לעזור לאבי בעבודתו הציבורית. אבי עשה הרבה לחיזוק החסידות ברוסיה והלטווייות, בפולין ובאמריקה ובהרבה ארצות אחרות. לי היה חלק בהישגיו הקדושים.

כאשר הסתלק אבי הוא השאיר לי ירושה הכוללת שתי דירות בבית נאה, חצי מספרייתו הגדולה והרבה דברים נוספים

גיסי, אדמו"ר מנחם שניאורסון שליט"א, הרבי מליובאוויטש הנוכחי, מבקש לקחת את ירושתי ודבר דברים חריפים [של אש] נגדי עד שאחד מהשומעים פרץ לביתי בשבת אחר הצהריים, הרביץ לי ועשה אותי עיוורת. הוא השאיר אותי שוכבת בתוך שלולית דם. אנשי "הצלה" מצאו אותי והביאו אותי לבית החולים. גיסי לא אמר דבר על התנפלות זו עלי וחסידיו הבינו שכל זה נעשה בהסכמתו. הם גרשו אותי מדירתי ושדדו את רכושי. מבית החולים הייתי מוכרחה לברוח לבית בני. כבר כמעט שלוש שנים שאני חיה כאן בניו-דזירסי

הם שברו גם את ביתי [משפחתי]. בעלי, הרב שמרי' גוררי' הוא בן תשעים וחולה מאד. לפני שמונה שנים היה לו שפך דם במוח והדבר פגע בדיבורו. הוא יהודי שבור. הוא מטלפן אלי

פעמים רבות במשך היום אבל אין נותנים לו לבוא לכאן. גם כאשר ישבתי שבעה על אחותי חי' מושקא שניאורסון, לא נתנו לו לבוא לכאן לנחם אותי באבלי.

אצל זקני ואצל אבי, ליובאוויטש היתה [ביטאה] יושר יהודי, היה דין תורה. עכשיו הולכים לערכאות. אגודת חב"ד הגישה תביעה נגדנו בבית המשפט הפדרלי והיה משפט ארוך עם רשעות ואחיזת עיניים וכך הם זכו. על בסיס פסק זה הם תפסו חלק ממעט הכסף שבעלי ואני חסכנו לימי זקנותנו. הם עושים ככל האפשר להפריע ולהרוס את ביתו של בני, הבית בו אני חיה עכשיו.

הם גם לקחו את מקומי בבית הקברות שלנו ואין נותנים לי מקום אחר. אבי אדמו"ר נבג"ם ז"ל קנה מקומות לכל בני המשפחה. מקומי היה ליד זקנתי שטערנא שרה ע"ה, אשתו של הסבא אדמו"ר מוהרש"ב ז"ל. הם לקחו את מקומי ודורשים שאחפש מקום אחר בבית קברת אחר.

לפני כמה שבועות שוב סחבו אותי לערכאות. אז שאל אותם השופט מה אתם רוצים מאשה בת שמונים ושמונה. המשפט הרי יעלה הרבה יותר מתביעתכם. לזה לא היה להם שום תרוץ. לרדיפות אין סוף. לחיות אין נותנים ואת מקומי בבית הקברות גם כן לקחו.
אני פונה לכל היהודים הנאמנים שיבואו לעזרי, אשה שסובלת מרה,

- חנה גוראריי'

********************
אנו נענינו לבקשתה של הרבנית חנה גוראריי' והדפסנו את מכתבה בהשמטות קלות.
המערכת

